שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד"

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
## על מה אתינא להאי עלמא

אידיש

מועתק מלשונו הזהב

מאמר א'
חודש שבט שנת תשפ"ב לפ"ק

# פרנס החודש

השיר והשבח לכבוד ידידינו הנכבד, איש חי ורב פעלים, אוצר כלי חמדה וסגולה, מעוטר בכל מדה מעלה, שמו הטוב הולך לפניו, לב טוב ומשכיל להטיב.

## מו"ה אברהם שמעון קויפמאן נ"י

**שכילכל כל ההוצאת, לשבר כל המניעות, ולעבור כל התחלות קשות**

**לרגל נשואי בנו החתן החשוב אלי' נ"י**
**עב"ג תחי'**

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שיזכה לראות רב נחת דקדושה מכל יו"ח זרע ברך ה', מתוך בריות גופא ונהורא מעליא, וזכות התורה וזכות הגה"צ שליט"א, יעמוד לו להתברך ממעון הברכות בכל מילי דמיטב.

**להערות והארות**
וכן מי שרוצה לנדב מאמר,
או להשתתף בהוצאת
יצלצל 718-938-9930
או ישלח אימעיל
dyyms12@gmail.com

נסדר לדפוס ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


'על מה אתינא להאי עלמא?!'.................................. א
ביסטו דבוק אינעם אויבערשטן? האסטו חיים!.................. ב
זיך איינקויפן 'אלקות'!........................................ ג
נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית................................ד
אגורה באָהלך עולמים........................................ו
דער קוק אויף דער וועלט!........................................ז
דא איז אן אנדער עולם!........................................ח
איינקויפן נצחיות!........................................ ט
שטעל זיך אפ!........................................ י
איבערגעלאזט דעם טייסטער........................................ יא
'אמונה' - דער פלאץ פון א איד!........................................ יג
עשה את המר - מתוק!........................................ יד
משכני אחריך נרוצה........................................ טז
צוריק קומען צו זיך........................................ יז
צו וואו אנטלויפט מען?........................................ יח
נתרומם ווערן פון א גוטן מעריב........................................ כ
זיך דערהאלטן נאר דורך 'ישוב הדעת'........................................ כב
מילך אנשטאט וואסער........................................ כג
נישט אויפגעבן!........................................ כה
מחיה מתים במאמרו........................................ כו
ב"ך השם חסיתי........................................ כז
זעה ווי אזוי זיי מאכן א מקוה........................................ כט

# מאמר א'

## על מה אתינא להאי עלמא?!

**ה' שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך!** איינע פון די דברים העיקריים וואס דער הייליגער רבי האט געוואלט אז מען זאל עס דערהערן - גוט דערהערן און שטארק דערהערן, איז די זאך פון "**עַל מָה אֲתִינָא לְהַאי עַלְמָא**" - פארוואס בין איך אראפ דא אויף דער וועלט?![א] וואס איז דער שליחות דא וואס דערפאר געפונט מען זיך אויף דער וועלט יעדער איינער וויפיל ער דארף זיך געפינען דא אויף דער וועלט[ב].

---

**א.** עי' בספה"ק "ליקוטי תפילות" ח"א, תפילה ל"ז: "ואזכה לזכור תמיד היטב היטב את אחריתי וסופי ולשום לבי היטב **על מה אתינא להאי עלמא שפלה**, ומה יהיה בסופי ואחריתי, כאשר יבא קיצי ולא אשכח זאת כל ימי חיי; ואזכה לזכור זאת היטב בכל יום ויום, כי כל ימינו ושנותינו הם הבל, כחלום יעוף, וכצל עובר, כענן כלה, וכרוח נושבת, וכאבק פורח ואי אפשר להמלט מן המיתה בשום אופן, "ואין משלחת במלחמה" ומה נחשב על ה', ומה נעשה ליום פקודה "זכור תזכור ותשוח עלי נפשי זכור אל תשכח את אשר הקצפת את ה' אלקיך" מנעוריך עד היום הזה כי אין שכחה לפני כסא כבודו, ואין נעלם מנגד עיניו עזרני והושיעני לזכור את כל זאת תמיד, באופן שאזכה לרחם עלי מעתה למלט נפשי מני שחת, ולהכין צידה לדרכי אורחא רחיקא ואפילו זוודין קלילא לית לן".

**ב.** עי' ספה"ק "ליקוטי עצות" ערך 'זכרון', אות ד', וזל"ש: **"צריך לשמור מאד את הזכרון שלא יפול לשכחה! דהיינו שיזכור תמיד בעלמא דאתי ולא ישכח!"**, עכ"ל, עייעו"ש (ע"פ ליקוטי מוהר"ן נ"ד, אות ב'). ולך נא וראה היאך מתבטא בספה"ק ליקוטי מוהר"ן מהדו"ק, סי' רס"ח, וז"ל: **"כשאין האדם מסתכל על התכלית, למה לו חיים?!"**.

און דאס איז כמעט דער חשבון, דאס איז קובע דעם "**וּמוֹתַר הָאָדָם מִן הַבְּהֵמָה**" (קהלת ג, יט). א מענטש וואס ער לעבט מיט דעם חשבון, איז אן 'אדם'! דאס הייסט אן 'אדם' - אז ער ווייסט פאר וואס ער איז אראפ אויף דער וועלט!

און דער וואס ער לעבט נישט מיט דעם חשבון, פירט זיך ווי א בהמה ממש און נאך ערגער; דער רבי זאגט אין (תורה) "כי מרחמם ינהגם"[ג] - א 'בהמה בצורת אדם'; אבער וואס מער עס איז שולט אויף א מענטש דעם חשבון, איז ער א מער 'אדם', ער איז מער א 'בר דעת', ער האט א דין 'אדם'!

## ביסטו דבוק אינעם אויבערשטן? האסטו חיים!

מיר זענען אראפ אויף דער וועלט וואס איז ימים ושנים ספורים, און דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן אז מען זאל געבן לכל אחד ואחד מאתנו אורך ימים ושנות חיים טובים הרבה, **אבער מען דארף וויסן, אז מיט שכל קען מען דא רוכש זיין גאר אסאך, גאר אסאך!**

וואס א איד טוט לענין, איז חשוב ביים אויבערשטן - וואס איז נאמר עליו: "נעשה אדם נאמר בעבורך" (בראשית א, כו). מען קען רוכש זיין אסאך אין די קורצע יארן - דאס וואס עס קוקט אויס לאנג.

איז טאקע כדאי, מען זאל אריינכאפן אסאך, עס איז נישט כדאי מען זאל זיך נארן אז מען גייט אייביג דא בלייבן און פארגעסן פון בורא עולם.

---

ג. ליקוטי מוהר"ן תניינא, סי' ז', וזל"ש: "**עיקר האדם הוא הדעת, ומי שאין לו דעת, אינו מן הישוב ואינו מכונה בשם אדם כלל, רק הוא בחינת חיה בדמות אדם!**".

דער רבי זאגט[ד]: **"חיים נצחיים הם רק להשי"ת, ומי שדבוק בו, חי חיים נצחיים כמוהו"**[ה]. דער אויבערשטער איז חיים; ביסטו דבוק אינעם אויבערשטן? האסטו חיים! אפגעריסן פונעם אויבערשטן? דאס איז מיתה!

"בִּלַּע הַמָּוֶת לָנֶצַח" - טייטש דער אר"י הקדוש[ו]: אז די סטרא אחרא רופט זיך מות. דערפאר וויבאלד דו ביסט אפגעריסן פונעם אויבערשטן איז עס מות! "כי כל העומד לשרוף כשרוף דמי וכל העומד לקצוץ כקצוץ דמי"[ז], "חיים נצחיים הם רק לה' יתברך"!

## זיך איינקויפן 'אלקות'!

און די אמצעיים לכך איז די הייליגע תורה און תפילה און קיום התורה. ועל זה נאמר (משלי ח', ל"ה): **"כִּי מֹצְאִי מָצָא חַיִּים"**, "כי הם חיינו ואורך ימינו".

---

ד. ליקוטי מוהר"ן ח"א, תורה כ"א, וזל"ש: **"חיים נצחיים הם רק להשי"ת, כי הוא חי לנצח. ומי שנכלל בשרשו, דהיינו בו יתברך, הוא גם כן חי לנצח, כי מאחר שהוא נכלל באחד והוא אחד עם השי"ת, הוא חי חיים נצחיים כמו השי"ת. וכן אין שלימות רק להשי"ת, וחוץ ממנו כולם חסרים, ומי שהוא נכלל בו, יש לו שלימות"**, עכ"ל.

ה. עיין באוסף מכתבים – ח"ד סי' רט"ז.

ו. עי' בספה"ק 'שער הכוונות' פסח דרוש ד', ובעוד הרבה מקומות. ובספר "ונכתב בספר" (חלק א' מאמר י"ב) כתוב וז"ל: הנה מובא בכתבי האר"י ז"ל (שער רוה"ק י"ג, ע"ב) שהגם שיש בידינו האפשרות להטהר על ידי טבילת מקוה, ולהוסיף על ידי כן טהרה וקדושה, עם כל זה הפסד גדול הוא לנו שאין לנו טהרת פרה אדומה, וכל כמה שטובלין לא יורדת מעמנו טומאת מת, כי בכל זאת הוא כתם לנשמה, כי טומאת מת נקרא "אבי אבות הטומאה, שורש לכל הטמאות", **ועל שם זה "רשעים בחייהם קרויין מתים" (ברכות י"ח ע"ב), וכן כל פגם אמונה שבאדם הוא בגדר מיתה, כל תאוה רעה הוא בגד מיתה.**

ז. מוזכר כמה פעמים בש"ס.

די זעלבע זאך, דער רבי זאגט[ח] אויף תפילה: **"הוּא תְהִלָּתְךָ וְהוּא אֱלֹקֶיךָ"** (דברים י, כא) - אז די תפילה, דאס איז דיין רבונו של עולם, כביכול[ט]. דאס הייסט: האסטו געדאווענט? ביסטו נכלל געווארן אינעם אויבערשטן; האסטו ווייטער געדאווענט, דו האסט געגלויבט, דו האסט געבעטן, דו האסט גערעדט מיטן אויבערשטן? **קויפסטו זיך איין אלקות!** און דאס איז די אלקות דיינע וואס דו קויפסט איין!

און אז חלילה נישט - אן דעם חשבון אמיתי, לויפן אריבער די יארן כצל עובר, און ווער ווייסט ווען מ'וועט פטור ווערן פון וואס מען האט זיך אליין אנגעמאכט מיט דעם, רחמנא לצלן!

## נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית

דארף מען וויסן; מיר זענען דא שליחים אויף דער וועלט - אויף 'עשה טוב' און אויף 'סור מרע', דאס איז אונז א קנין הנצחי! דאס איז אונזער קנין הנצחי! דאס איז דער מקור פון די בריאה, דאס איז דער אייגענער תיקון הנצחי!

און וויבאלד יעדער פרט איז א חלק פון דעם כלל, איז דאס א תיקון הנצחי פאר אלע עולמות! דאס הייסט, מ'ווערט א שותף להקדוש-ברוך-הוא לתיקון העולמות 'לתקן עולם במלכות שדי'! און דאס איז די תכשיטים (להשכינה הקדושה).

א יעדער איד איז כלול פון אלע עולמות, **יעדער איד איז זייער גרויס!**; מצד אחד מאכט ער די תיקונים פאר זיין פרטיות; און, ער

---

ח. ספה"ק לקוטי מוהר"ן (תנינא תורה י"ט).

ט. עי' אמרי פנחס שער א', תנ"ך, בפסוק הוא תהלתך והוא אלקיך, וזל"ק: **"כי התפלה שאדם מתפלל היא בעצמה אלקות שמייחד המדות העליונים"**, עכ"ל, עייעו"ש.

איז א שותף להקדוש-ברוך-הוא אין מלכות דקדושה, אין בנין המלכות דקדושה!

דער רבי זאגט אין (תורה) "כי מרחמם ינהגם" - אין צווייטן חלק[י'] - זאגט דער רבי: אז א מענטש דארף מעמיד זיין בנים ותלמידים. און א מענטש דארף וויסן, אז ער דארף אויפשטעלן א דור אז די אמונה הקדושה זאל זיך דורך אים ציען ווייטער - די אמונה הקדושה אין לימוד התורה און אין קיום התורה; **און אז מ'פירט דאס אויס, איז מען א שותף להקדוש-ברוך-הוא במעשה בראשית - פשוטו כמשמעו!** און מיט דעם ווערט דער אויבערשטער אויספירן וואס ער וויל אויספירן!

אז מען איז מעמיד תלמידים און מען שיינט אריין, איז מען מחזק די אמונה אז ס'זאל נמשך ווערן - די עבודת ה' זאל נמשך ווערן. דער רבי ברענגט אראפ דעם פסוק: על זה נאמר (ישעיה מה, יח): "לא תהוּ בְרָאָהּ לָשֶׁבֶת יְצָרָהּ" - דאס איז 'שֶׁבֶת', דאס איז געלעבט, דאס איז א לעבן; און פון דעם ווערט ווערן דער תיקון וואס דער

---

י. ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז', ולה"ק שם: **"כמו שהאדם מְצֻוֶּה להעמיד בנים בעולם בשביל קיום העולם, כן הוא מְצֻוֶּה להכניס דעת ויראת שמים בבניו ובתלמידים, כי זה עיקר המצוה, שמצוה להעמיד תולדות לקיום העולם, כי העיקר להעמיד תולדות ממין בני אדם דוקא, ולא מין בהמות וחיות בדמות אדם. על כן כל זמן שאין מאיר הדעת בבני אדם, ואינם יודעים ומרגישים אלקותו יתברך וממשלתו, אינם בכלל בני אדם, מאחר שאין בהם דעת לדעת את ה', שזה עיקר גדר האדם. ועל כן נחשב העולם כתהו ובהו, ועל זה נאמר: לא תוהו בראה לשבת יצרה, כי צריכין לישב את העולם, שיהיה מיושב העולם מבני אדם דייקא, דהיינו מבני דעה, שיודעין את השם יתברך. וזהו גם כן מצְוַת: "ומלאו את הארץ", שצריכין למלאות את הארץ בבני אדם. היינו שכל אדם מְצֻוֶּה שידבר עם חברו ביראת שמים כדי להכניס דעת בחבירו, שזה עיקר ישוב העולם, שיהיה העולם מיושב מבני אדם, היינו מבני דעה, שיודעין את השם יתברך"**, עכלה"ק שם.

אויבערשטער רופט (ישעיה ס"ד, ג'): "עין לא ראתה"![יא] דאס איז דער ריכטיגער שבת!

## אגורה באָהלך עולמים

און דער וואס איז נישט מסוגל להעמיד תלמידים, זאגט דער רבי[יב], אז מיט דעם וואס חברים רעדן פון יראת שמים, פון עבודת ה' - ווערט איינער א רבי'ן פאר דעם צווייטן, איינער שיינט אריין אין דעם צווייטן, איינער ווערט א רבי פאר דעם צווייטן[יג] - איז אפילו מ'שיינט אריין אין יענעם און מ'ווערט נתעורר - מיט דעם וואס יענער ווערט נתעורר, איז מען שוין אויך א תלמיד ביי יענעם, איז קען ער אויך אויפטוהן אויף דער וועלט - איז דאס אויך א תיקון הפרט אין א תיקון הכלל!

תיקון הפרט - זאגט דער רבי בפירוש[יד]: דוד המלך האט געבעטן (תהלים ס"א, ה'): "**אָגוּרָה בְאָהָלְךָ עוֹלָמִים**", עס איז מיר נישט גענוג וואס איך דין דיר אויף 'דער' וועלט - איך וויל דיר אייביג דינען. ווי קען מען דען דינען לאחר הסתלקותו, מען האט דאך שוין באקומען שכר? נאר מיט דעם וואס אידן וועלן זאגן תהלים, אידן (זאלן) [וועלן] דיר

**יא.** עיין שם, בסוף התורה הנ"ל.

**יב.** שם בהמשך התורה הנ"ל, וזל"ק: "**וכל אדם יכול לקיים זאת, להעמיד תלמידים.**
**כי כששנים מדברים יחד ביראת שמים, אזי כשאחד מאיר לחבירו באיזה דיבור, נחשב חבירו אצלו בחינת תלמיד. ולפעמים נעשה להיפך, דהיינו כשאח"כ הוא מקבל מחבירו איזה דיבור, אזי נעשה הוא בבחינת תלמיד לגבי חבירו. וצריך כל אדם ליזהר, להשתדל ולעסוק בזה**, כי "לא תוהו בראה לשבת יצרה" (ישעיה מ"ה), כי צריך כל אחד לעסוק בישובו של עולם, שיהיה העולם ממולא מבני אדם, כמו שכתוב (בראשית א): "ומלאו את הארץ", כי זה עיקר ישוב העולם, כשהעולם ממולא מבני אדם, היינו מבני דעה. כי מי שאין בו דעת, אינו אדם כלל כנ"ל", עכלה"ק.

**יג.** עיין ט"ז ופרמ"ג או"ח סי' ש"א סק"ב.

**יד.** ליקוטי מוהר"ן סי' קמ"ה, עיי"ש.

דינען, האבן דביקות און ווײנען פאר דיר און בעטן פאר דיר און זײן דבוק צו דיר און זוכה זײן צו תשובה דורכ'ן תהלים - הײסט עס ער דינט דיר 'תמיד'! און דאס האט ער מתפלל געווען בשעת ער האט געלעבט אז ער זאל כסדר לעבן.

- זאגט דער רבי[טו]: אז דאס איז דער ענין פון 'להעמיד בנים ותלמידים' - אז מען לעבט װײטער; און װעלכע זאך מען טוט למען אידישקײט וואס האט א קיום, לעבט מען! לעבט מען אויף דער וועלט! - און אט דאס איז הטבת הפרט (כי בזה עושה לעצמו טובה נצחי); און הטבת הכלל אויך, ווייל מען טוט למען שמו יתברך!

## דער קוק אויף דער וועלט!

רבי לוי יצחק[טז] (בענדער, זצ"ל) פלעגט דערציילן, אז עס איז געווען אזוי - אונזערע לײט האבן אזוי געלעבט מיט דעם דעת פון 'על מה אתינא להאי עלמא'! קודם כל גיט דאך דאס ארויס אזויפיל - - אזויפיל מצוות! אזויפיל מעשים טובים! אזויפיל סור מרע, אזויפיל זיך מונע זײן, און אזויפיל גוטע זאכן בין אדם לחבירו, ובין אדם למקום.

אז מען ווייסט דאס, קוקט מען אויף דער וועלט מיט אן אנדער קוק; מען מאכט נישט קײן געשעפטן פון דער וועלט; עס גיט דאך ארויס אזעלכע גוטע פירות אז מ'לעבט מיט דעם דעת!

---

**טו.** וזל"ק שם בהתורה הנ"ל: "ועל כן צריכין להשאיר אחריו בן או תלמיד, כדי שישאר דעתו למטה, שיאיר בבני עולם הזה השפל. כי כשנשאר דעתו למטה על ידי בן או תלמיד, נחשב כאילו הוא בעצמו ממש נשאר בעולם", עכ"ל.

**טז.** ה"ה הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** זצ"ל, מזקני ופארי אנ"ש פעיה"ק ירושלים ת"ו, וגדול מעתיקי השמועה של מסורת ברסלב הנאמנה, כפי שקיבלם בדייקנות מגדולי זקני אנ"ש באומאן בשנים שלפני השואה. נלב"ע כ"ב תמוז תשמ"ט.

- זאגט רבי לוי יצחק: אז דאס איז געווען אזוי איינגעבאקן ביי אונזערע לייט; מען האט דאס איינגעבאקן דורך התבודדות, דורך דיבורים - אז צוויי ברסלב'ע חסידים פלעגן זיך טרעפן אין גאס, פלעגט מען צוגיין איינער צום אנדערן און מען פלעגט רעדן פון תכלית!

ער זאגט, אז דאס איז געווען א דבר רגיל - אליין געווארן - אז כמעט מען האט געמיינט אז דאס איז א תקנה, אזוי שטארק איז דאס געווען!

אז מען זעהט א ברסלב'ער חסיד, רעדט מען פון תכלית! **מען זאל נישט פארגעסן פארוואס מען איז דא אויף דער וועלט!!!**

## דא איז אן אנדער עולם!

עס איז געווען א מעשה טאקע, איינער איז מקורב געווארן - עס איז געווען (אינמיטן) די ערשטע וועלט מלחמה - און ער איז אריינגעגאנגען אין קלויז (באומאן) - אדער צו אן אנדער פלאץ (של חסידי ברסלב), און ער האט געזעהן ווי עס זיצן א חבורה - און איינער רעדט פון תפילה, פון עבודת התפילה, פון דברים גבוהים; ער גייט צו נאך א חבורה - און איינער רעדט פון שמירת הברית 'דברים חוצבים כלהבת אש'; ער גייט צו נאך א חבורה, און, מען רעדט אויך פון תכלית.

אים איז דאס געווען א חידוש נפלא: אין א וועלט מלחמה - דעמאלט איז נישט געווען אזוי די כלי תקשורת ווי היינט - דעמאלט איז דער קאך (אצל העולם) געווען נאר פון הערן מעשיות און איבערגעבן מעשיות, הערן מעשיות און איבערגעבן מעשיות (כלומר מעשיות וחדשות מהמלחמה), און דאס האט פארשיכור'ט, דאס האט צוגענומען - ימים ושנים האט עס צוגענומען - און ער גיט א קוק: **דא איז אן אנדער עולם! אן אנדער עולם! מען האט אינזין דעם תכלית!** אָן דעם וועט דאך גארנישט בלייבן...

- אז איינער וועט פארציילן דעם אנדערן אז פאר הונדערט יארן (צייט) [צוריק] איז געווען א באמבע דארטן און דארטן - שוין, גוט - וואס? אן אלטער מעשה, וואס ווילסטו?!; (משא"כ) אויב ער פארציילט א תוספות וואס ער געדענקט פון פאר יארן - יא יא! דאס איז נצחיות!

- איז ער פון דעם מקורב געווארן - 'זעה וואס ס'טוט זיך דא, זעה וואס מ'דערהערט, זעה וואס מ'דערהערט - אז מען גייט ארום מיט אזא דעת; אלע רעדן מעשיות מיט פאליטיק - מיט זאכן, לשון הרע מיט רכילות - און דא זענען אידן עוסק אין עבודת ה"'!

**איינקויפן נצחיות!**

אט די זאך טאר מען נישט פארגעסן - דאס דארף מען דערהערן, דערהערן גוט ווי ס'דארף צו זיין! (מען דארף) פאר דעם אליין אסאך בעטן דעם אויבערשטן! דאס איז דאך דער לעבן פון א מענטש, פון א בן אדם - 'מיט אט דעם דעת'! עס קומט דאך ארויס אזעלכע גוטע פירות...

איך האב געזעהן אמאל א ווארט[יז]: **"גֵּר וְתוֹשָׁב אָנֹכִי"** - אז איך ווייס אז איך בין א גר, דאן בין איך א תושב; ווייל איך קויף איין תושבות, איך קויף איין נצחיות, איך קויף איין עולם הבא, איך קויף איין תחיית המתים, איך קויף איין נצחיות!!!

---

**יז.** עי' בספה"ק דגל מחנה אפרים, בהר, ד"ה "כי", וזלה"ק: "כי גרים ותושבים אתם עמדי. יש לומר בזה בדרך רמז להבין זה על פי ששמעתי מחכם אחד על פסוק (תהלים קי"ט, י"ט) גר אנכי בארץ אל תסתר ממני מצותיך וכו', עיי"ש... והוא שהתפלל דוד המלך ע"ה "גר אנכי בארץ" היינו אני גם כן איני רוצה להיות תושב בעולם הזה ואני רק כגר בעולם הזה ולכך אל תסתר ממני מצותיך כמו גר אחד בפני חבירו שמספר לו כל לבו, **וזה יש לומר הרמז בפסוק: כי גרים ותושבים כשתהיו בבחינת גר בעולם הזה ותושב בעולם הבא אז אתם עמדי כי אני גם כן גר בעולם הזה** כנ"ל וממילא אל אסתיר מכם מצותי כנ"ל והבן".

אויב מיין איך אז איך בין א תושב, איז עס א טעות מעיקרא - עס קומט די צייט וואס מען גייט אהיים, זעהט מען אז ס'איז א טעות; (אבער אז מיר זענען) נישט קיין תושב, נאר מיר ווייסן אז מיר זענען א גר, דעמאלט איז מען תושבים, ווייל מען קויפט איין תושבות.

קומט דאך אויס א גרויסן כלל: אז טאקע בהאי עלמא - יעדן דבר שבקדושה, איז כשושנה בין החוחים; יעדן דבר שבקדושה האט אזוי פיל מנועים, אזויפיל עוקצים, אזויפיל מפסידים און אזויפיל מפריעים, אז עס האט נישט קיין גבול; בפרט די זאך פון 'על מה אתינא להאי עלמא' - וויבאלד דאס איז אזא מין שטארקער עיקר, האט עס אזויפיל מונעים אז עס האט נישט קיין גבול!

אפילו וואס א מענטש דארף, חולין בטהרה - א מענטש דארף זיך מפרנס זיין, ער דארף זיך זארגן פאר זיינע צרכים גשמיים, ער דארף מפרנס זיין זיין משפחה - קען מען אבער מיט דעם שטף אפילו ס'איז חולין בטהרה, קען מען פארגעסן; מען פארגעסט ממש 'על מה אתינא להאי עלמא'! מען לעבט ווי א בהמה.

אוודאי, אז דער אויבערשטער העלפט, אז מ'פארגעסט נישט, איז טאקע דער חולין בטהרה ווערט א מרכבה לקדושה ממש; אבער אז מ'פאלט אריין אין א רוח סערה פון תאוות וואס דער אויבערשטער זאל אפהיטן, דעמאלט איז דאס דער אמת'ער היפוך.

## שטעל זיך אפ!

מען זעהט - דוד המלך האט געזאגט: **"הַעֲבֵר עֵינַי מֵרְאוֹת שָׁוְא"** (תהלים קי"ט, ל"ז). ס'איז דא דער היפוך: דער היפך פון אמת, די תאוות איז דאך כולו אבדון, דאס איז דאך דער היפך פון אמת, דער היפך הדבר ממש! אז מען פאלט אריין אין גאוה איז דאס דאך אויך א נדמה (- א פאלשקייט) - ווי קענסטו זיך גרויס האלטן, גרויס האלטן? וואס גרויס האלטן? וכל-שכן פשוט רדיפת הכבוד?!

די זעלבע זאך - נצחון צו קנאה - דאס נעמט צו, דאס נעמט צו, עס נעמט צו. עס איז דא א בריוו פון רמב"ם, שרייבט ער צו זיין זון[יח]: **"אל תשקצו את נפשותיכם במחלוקת המכלה את הגוף ואת הנפש ואת הממון!"** - אזא לשון. דאס איז דאך ממש אזוי - עס גיט אריין דעם היפוך; מען דארף בויען - און ס'מאכט נאר חרוב... דער רבוש"ע זאל רחמנות האבן!

ממילא, די עצה איז: 'זיך אפשטעלן!' זיך אפשטעלן! אפשטעלן! ישוב הדעת! אריינגיין אין די אמונה הקדושה! זיך אפשטעלן מפעם לפעם - ווייל דער קאך איז געפערליך, און מיט יעדעם איינעם קאכט זיך אויף אן אנדער סארט אופן אויף דער וועלט - אפשטעלן זיך! נישט פארגעסן, נישט פארגעסן! טאמער דו טוסט א געכאפטע זאך - ניין ניין!

## איבערגעלאזט דעם טייסטער

און למעשה דערהערט זיך עס טאקע אין דער עצה הכללית פונעם הייליגן רבי'ן פון **'אלע טאג זיך גוט אויסרעדן דאס הארץ פאר השי"ת'**[יט] **- גוט אויסרעדן דאס הארץ פאר השי"ת!** די אויספיר פון התבודדות, איז התחדשות, מיט א ישוב הדעת; מען גיט ארויס א ישוב הדעת דקדושה, דאס איז די אויספיר פון התבודדות[כ].

---

**יח.** אגרת מוסר מהרמב"ם, לבנו ר' אברהם.

**יט.** עי' בספה"ק "שיחות הר"ן", קפ"ה: **"גם זאת היתה הנהגה כללית שהזהיר את כל אחד ואחד. דהיינו להתבודד בכל יום ויפרש שיחתו לפני השם יתברך ולבקש מלפניו רחמים ותחנונים לזכות להתקרב לעבודתו יתברך!** ושיחה זו תהיה בלשון אשכנז שמדברים בו וכו'. וכמבואר מזה בספריו הקדושים, וכבר נדפס. עי' גם בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ה".

**כ.** עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא, סי' י', וזל"ש: **"מה שהעולם רחוקים מהשם יתברך ואינם מתקרבים אליו יתברך, הוא רק מחמת שאין להם ישוב הדעת, ואינם**

ר' לוי יצחק פלעגט אלעמאל אנרופן דעם התבודדות: 'זיך מיישב זיין פאר השי"ת'! דאס איז דער 'דעת אמיתי', דער ישוב הדעת האמיתי - יא!

התבודדות האט א וועלט מיט ענינים רוחניים - אבער עס האט אויך דער אפקלאנג פון: **'זיך אפשטעלן'! שטעל זיך אפ, שטעל זיך אפ!**

רבי אליהו חיים ראזען[כא] (ז"ל) פלעגט דערציילן: עס איז אמאל געווען א שיכור און ער איז געווען א רייכער [עושר]. איז ער געגאנגען אין א שענק, און דער שענקער איז געווען זייער א גרויסער, עס איז געווען א גרויסער בית היין; ער האט געהאט פעסער פון ברוינפן, און וויין, אזעלכע און אזעלכע...

דער שענקער האט געדארפט חתונה מאכן א קינד, און ער האט נישט געהאט קיין געלט, און פון דעם שיכור איז ארויסגעפאלן א

---

**מישבין עצמן. והעיקר להשתדל לֵישב עצמו היטב, מה התכלית מכל התאוות ומכל עניני העולם הזה, הן תאוות הנכנסות לגוף, הן תאוות שחוץ לגוף, כגון כבוד, ואז בודאי ישוב אל ה'!".** עי' גם בשיחות הר"ן, מ"ז, וז"ל: **"צריך לזה זכיה גדולה שיזכה לֵישב עצמו שעה אחת ביום ושיהיה לו חרטה על מה שצריכין להתחרט, כי לאו כל אחד זוכה לֵישב הדעת איזה שעה ביום, כי היום הולך וחולף ועובר אצלו ואין לו פנאי לישב עצמו אפלו פעם אחת כל ימי חייו. על כן צריכין להתגבר לראות ליחד לו פנאי לישב עצמו היטב על כל מעשיו אשר הוא עושה בעולם אם כך הוא ראוי לו לבלות ימיו במעשים כאלו. ומחמת שאין האדם מישב עצמו ואין לו דעת, ואפילו אם יש לו לפעמים איזה ישוב הדעת, אין הדעת המיושב מאריך זמן אצלו ותיכף ומיד חולף ועובר הדעת ממנו וגם אותו המעט הדעת שיש לו אינו חזק ותקיף אצלו. מחמת זה אין מבינים שטות העולם הזה. אבל אם היה להאדם שכל מיושב חזק ותקיף היה מבין שהכל שטות והבל"**, עכ"ל שם.

**כא.** מותיקי וזקני חשובי חסידי ברסלב בדור הקודם, שימש הרבה את גדולי אנ"ש באומאן בשנים שלפני השואה, יסד והקים את בית מדרשינו הגדול בירושלים עיה"ק ואת ישיבת אור הנעלם, ומסר הרבה שיעורים בעלות חן מיוחד בתורת רביה"ק ז"ל. נלב"ע כ' כסלו תדש"מ.

גוטן טייסטער מיט א ריכטיגן סכום וואס ער האט געדארפט, שוין, ער (דער שיכור) איז אוועקגעגאנגען.

מצד אחד, איז אים (דער שענקער) געווען א גרויסע שמחה; אבער מצד אחד, זאגט ער פאר זיין רעביצין: "וואס וועט זיין אז ער וועט זיך דערמאנען און ער וועט קומען צוריק?". זאגט זי אים: "אז א איד שטעלט זיך שמונה עשרה דערמאנט ער זיך אין אלסדינג - ער דאווענט דאך נישט, דער לעבן גייט דאך איין שטיק ביי אים - ער וועט זיך קיינמאל נישט דערמאנען!"...

- דאס איז עס; אז מען שטעלט זיך נישט אפ, קען אראפגיין די (גאנצע) [אלע] יארן אָן זיך צו בארעכענען 'על מה אתינא להאי עלמא שפילה'.

על-כל-פנים, דער אפקלאנג פון התבודדות, איין אפקלאנג איז: 'מען דארף זיך אפשטעלן' - זיך אפשטעלן און צוריקגיין צום אמת, צוריקגיין צום ריכטיגן ישוב הדעת! און 'ישוב הדעת' מיינט, אז מען לעבט! אז נישט, איז מען נישט קיין מענטש, מען איז נישט ביי זיך.

ממילא, מען קען דאס מאכן אפילו עס גייט אמאל אריבער א טאג וואס די טירדות, די 'יעלו שמים ירדו תהומות' גייט אריבער - עס גייט אמאל אריבער א טאג וואס (דער מענטש כאפט זיך:) 'וואס האב איך געטוהן אין דעם טאג?' - און ער באגעגנט זיך שוין גאר מיט מנחה.

עס איז דא א ווארט: "כשאתה מתפלל" - אז דו דאווענסט דאך שוין סיי ווי, איז "דע לפני מי אתה עומד". דאס דאווענען וועט געדויערן נאך פינעף מינוט, נאך צעהן מינוט דער דאווענען - איז דאווען שוין.

### 'אמונה' - דער פלאץ פון א איד!

דער רבי זאגט אין שיחות הר"ן (שיחה ס"ו): "אז תפילה איז מקשר

זיין מחשבה לדיבור"[כב] - התקשרות המחשבה לדיבור. אז מען גייט אריין אין דיבור, גייט מען צו צום אויבערשטן - האט מען אמונה, האט מען בטחון, מען רעדט צום אויבערשטן, מען דאנקט דעם אויבערשטן, מען בעט דעם אויבערשטן!

מען דארף דאך אנקומען צום אויבערשטן בכל עת ורגע - אז מען בעהט, מען בעהט אויף רוחניות, מען בעהט אויף גשמיות, מען איז מיטן אויבערשטן - דאס איז דאך דער גרעסטער ישוב הדעת! אז א מענטש איז מיט זיין בורא, דאס איז דער גרעסטער ישוב הדעת וואס מען קען געבן.

דער רבי זאגט מפורש אין ספר המידות (ח"ב, אות ט"ו): **"על ידי אמונה נתיישב הדעת!"** - ס'איז דא אסאך וואס ארומצורעדן אויף דעם; דער פשטות איז: ווייל ווען א מענטש איז על מקומו - ווען מען איז אין אמונה, איז מען אויפן פלאץ; ווייל דער פלאץ פון א אידן איז דער אויבערשטער - א מענטש איז דאך א חלק אלקי ממעל; האסטו אמונה? ביסטו אויף דיין פלאץ, און אז דו ביסט אויף דיין פלאץ, האסטו ישוב הדעת!

## עשה את המר - מתוק!

און בכלל: אז עס שיינט די אמונה, איז מען בארוהיגט מיט אלעמען: דער אויבערשטער פירט, דער אויבערשטער טוט אלעס -

---

**כב.** וזל"ש: "הזהיר מאד כמה פעמים להתפלל בכח גדול להכניס כל כוחו בדיבורי התפילה וכמבואר מזה בספריו הקדושים בכמה מקומות, וכו'.. שוב אמר: **כשאדם מתפלל בכוונה דהיינו שמקשר המחשבה אל הדיבור** ומַטה אזנו ושומע מה שהוא מדבר אזי הכוחות נמשכין ממילא לתוך דיבורי התפלה. כי כל הכוחות מצפין ומסתכלין תמיד על זה שיומשכו ויוכנסו בתוך דיבורים קדושים. על כן כשמתפלל בכוונה נמשכין ונכנסין כל הכוחות שלו ממילא לתוך התפילה וזוכה להתפלל בכח גדול אף על פי שאינו מכריח עצמו לזה, כי הכוחות נמשכין ממילא לתוך דיבורי התפלה כשמתפלל בכונה".

**אין עוד מלבדו!** - מען בעהט דעם אויבערשטן, מען דאנקט דעם אויבערשטן! און אז עס גייט איבער א 'דבר מערכות ישראל' (- איבערגייעכצע"ר, אזי יבקש:) **'רבוש"ע - עַשה את המר מתוק! עַשה את המר מתוק! עשה את המר מתוק!'**[כג]

איך האב אמאל געזאגט א ווארט טאקע: משה רבינו, אז עס איז געווען די מים המרים, האט ער געזאגט פאר'ן אויבערשטן אז עס איז ביטערע וואסער. זאגט אים דער אויבערשטער: 'זיי מתפלל' - הערשט (- יעצט) ביסטו א נביא, באלד וועסטו ווערן אויס נביא - זאלסטו מתפלל זיין. פרעגט ער דעם אויבערשטן: 'ווי זאל איך מתפלל זיין?!'

- וואס פרעגסטו דעם אויבערשטן 'ווי'? משה רבינו - ביי אלע מכות אין מצרים, איז "ויצעק משה" "ויתפלל משה" - און דא גייט ער פרעגן 'ווי ער זאל מתפלל זיין'?!

- יא! ער איז געגאנגען מתפלל זיין, ווי זאל ער בעטן דא: צו ברענגען זיסע וואסער - צו אז די ביטערע זאל ווערן זיס. זאגט אים דער אויבערשטער: איך בין דאך דער בורא עולם - איך דארף

**כג.** עי' מדרש רבה שמות מג, ג: ורבנן אמרין מהו "ויחל משה"? **עשה את המר מתוק!** 'ויחל' לשון חילוי. כיצד? אמר ר' ברכיה בשם ר' חייא בר אדא דיפו בשם ר' שמואל בר נחמן: כיון שבאו ישראל למרה, מה כתיב שם? "ויבאו מרתה". התחיל משה מהרהר בלבו ואמר: המים הללו למה נבראו? מה הניה יש לעולם בהן? מוטב היה אילו לא נבראו. ידע הקב"ה מה היה מחשב בלבו, א"ל הקב"ה: לא תאמר כן, ולא מעשי ידי הן, יש דבר בעולם שלא נברא לצורך. אלא אני מלמדך היאך תהא אומר. אמור כך: **עשה את המר מתוק**. ומנין שלמדו הקב"ה להיות אומר כך? ראה מה כתיב (שמות טו): ויצעק אל ה' ויורהו ה' עץ. "ויראהו" אין כתיב כאן אלא ויורהו. אין ויורהו אלא לשון לימוד, שנאמר (משלי ד): ויורני ויאמר לי. וכתיב (שמות לה): ולהורות נתן בלבו. היה הדבר מסורת ביד משה ולא עשה ולמה עשה אלא כיון שבאו ישראל למדבר וביקש האלקים לכלותן. אמר לו משה: רבוש"ע! בקשת לאבד את ישראל, מכלה אתה אותם מן העולם, לא כך אמרת לי במרה 'הוי מתפלל ואמור עשה את המר מתוק'? ואף עכשיו חלי מרירתן של ישראל ורפא אותן - הוי "ויחל משה".

ברענגען זיסע וואסער? איך מאך דעם ביטערן, זיס! איך בין דאך א 'כל יכול'!

דאס הייסט, דער אויבערשטער האט אים אויסגעלערנט: מאך... (-שיעסוק בתפילה).

דער אויבערשטער העלפט, אז פון די צרה ווערט א ישועה; און דאס אז מען מיינט אז עס איז א צרה, איז ווייל דער אויבערשטער וויל אז מען זאל שרייען צו אים, ער וויל מ'זאל בעטן צו אים, דער אויבערשטער רופט דעם מענטש.

## משכני אחריך נרוצה

עס איז דא א מדרש[כד]: אז א מטרוניתא (פרינצעסין) האט נישט גערעדט צום מלך. וואס ער האט אלס געטוהן - בכל טצדקי, האט זי נישט גערעדט צום מלך. וואס האט ער געטאָן? 'העמיד עליה גזלן'

---

**כד.** מדרש רבה שמות כא, ה: "ויצעקו בני ישראל אל ה'. למה עשה הקב"ה להם כך? אלא שהיה הקב"ה מתאוה לתפלתן. אמר ריב"ל: למה הדבר דומה? למלך שהיה בא בדרך והיתה בת מלכים צועקת לו בבקשה ממך הצילני מיד הלסטים. שמע המלך והצילה. לאחר ימים ביקש לישא אותה לאשה. היה מתאווה שתדבר עמו, ולא היתה רוצה. מה עשה המלך? גירה בה הלסטים כדי שתצעוק וישמע המלך. כיון שבאו עליה הלסטים התחילה צועקת למלך. אמר לה המלך: לכך הייתי מתאוה, לשמוע קולך. כך ישראל כשהיו במצרים והיו משעבדים בהם, התחילו צועקים ותולין עיניהם להקב"ה, שנאמר (שמות ב): ויהי בימים הרבים ההם וגו' ויזעקו מיד וירא אלהים את בני ישראל התחיל הקב"ה מוציאן משם ביד חזקה ובזרוע נטויה והיה הקב"ה מבקש לשמוע את קולם פעם אחרת ולא היו רוצין. מה עשה? גירה לפרעה לרדוף אחריהם שנאמר: "ופרעה הקריב", מיד ויצעקו בני ישראל אל ה'. באותה שעה אמר הקב"ה: לכך הייתי מבקש לשמוע קולכם. שנאמר (שיר ב): יונתי בחגוי הסלע השמיעני קול אינו אומר אלא השמיעני את קולך, אותו הקול שכבר שמעתי במצרים. לכך כתיב השמיעני את קולך כיון שהתפללו אמר הקב"ה למשה מה אתה עומד ומתפלל כבר קדמה תפלתן של בני לתפלתך שנאמר מה תצעק אלי".

- האט זי אנגעהויבן שרייען: 'טייערער מלך, קוק, קום ראטעווע מיר'. האט ער געזאגט: "אט דאס האב איך געוואלט!" - איך האב געוואלט דעם גזלן? **איך האב געוואלט דו זאלסט רעדן צו מיר!**

דער אויבערשטער רופט א מענטשן - דער אויבערשטער זאל העלפן, ער זאל נאר רופן אויף גוטע אופנים...

עס איז דא א ווארט[כה]: "מָשְׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה" (שיר השירים א, ד). א בהמה איז דאך נקנית במשיכה - איז דא צוויי סארטן משיכות: עס איז דא א משיכה 'הכישה במקל' און זי גייט, עס איז א משיכה וואס איז קונה; און עס איז דא א משיכה פון 'קורא לה והיא באה'. זאגט ער: 'משכני **אחריך** נרוצה' (אז עס זאל זיין) 'קורא לה והיא באה' גייט מען דאך 'אחריך'. ביי 'הכישה במקל' גייט ער דאך אונטער דער **בהמה** (והבהמה הולכת מלפניו, משא"כ 'כשהוא קורא לה', וכו').

דער אויבערשטער זאל העלפן, ער זאל אונז רופן אויף א גוטן אופן, נישט דורך הכישה במקל, עס זאל זיין 'קורא' אויף א גוטן אופן, עס זאל זיין 'באה' מיט א גוטן אופן!

## צוריק קומען צו זיך

על-כל-פנים, אמונה איז א הייליגער ישוב הדעת, א פיינער ישוב הדעת, א ישוב הדעת וואס גיט ארויס גוטע פירות, גוטע מעשים; אפילו די דברי חולין וואס מען טוט, גיט ארויס אַן אנדערן טעם, אַן אנדער חן של אמת.

---

כה. עי' תפארת שלמה, ויחי, בד"ה האספו ואגידה לכם, וזלה"ק: "**משכני אחריך נרוצה. פי' אנו מתפללים להקב"ה להמשיך אותנו אליו במידת החסד ואנחנו נרוצה אחריו. כי בענין קנין משיכה הוא ב' אופנים. הא' הכישה במקל והיא תבוא. והב' קוראה לה והיא באה. והנה באופן הראשון בבחי' הכישה במקל הנה כבר לקינו והוצללנו בכובד הגלות המר. אך אנו מצפים להיות הגאולה וישועה באופן השנית בבחינת קוראה לה והיא באה**".

ביי דער וועלט, אויב איינער איז מבולבל, זאגט ער: 'איך בין נישט ביי זיך, איך בין נישט געקומען צו זיך'... - **קום צו זיך! מיט אמונה איז א מענטש ביי זיך!**

דער שורש פון א מענטש איז אמונה, פון דארטן איז ער באשאפן געווארן "בדבר ה' שמים נעשו וברוח פיו כל צבאם", מיט דעם איז ער ביים אויבערשטן - און אז ער איז אויף זיין מקום, האט ער ישוב הדעת.

דאס איז א בפירוש'ע גמרא (מגילה, יב:): אחשורוש האט געפרעגט אן עצה פון די חכמי ישראל. האבן זיי אים געזאגט (ירמי' מח, יא): **"שַׁאֲנַן מוֹאָב מִנְּעוּרָיו** (וְשֹׁקֵט הוּא אֶל שְׁמָרָיו וְלֹא הוּרַק מִכְּלִי אֶל כֶּלִי) **וּבַגּוֹלָה לֹא הָלָךְ עַל כֵּן עָמַד טַעְמוֹ בּוֹ וְרֵיחוֹ לֹא נָמָר"** - אבער מיר זענען בעלי גלות'ן, מיר זענען נישט אויף אונזער מקום, מיר האבן נישט ביי זיך דעם דעת - 'זיי' (מואב) זענען אויף זייער מקום, איז פרעג זיי.

זעהט מען, א מענטש דארף זיין על מקומו! א מענטש מיט אמונה, איז מען על מקומו; אז א מענטש איז נישט מיט אמונה, איז מען אוועק אין גלות. (אויב מען איז) אוועק, איז מען אין גלות - "גלה מעל שלחן אביהם", מען איז אין גלות. **אמונה! אמונה! מען באקומט א ישוב הדעת, א הייליגער ישוב הדעת!**

## צו וואו אנטלויפט מען?

טאקע, מען האט פריער דערמאנט וועגן נח - שבת קודש זינגט מען אין זמירות - אלעס ברוח הקודש - 'יונה מצאה בו מנוח'. עס גייט דאך אויף שבת קודש; ווייל שבת איז אמונה, מען ווערט נכלל אין די אמונה, שבת קודש! מען גלייבט דאך אז אלעס וואס עס האט זיך אפגעטאן דעם וואך, אלץ איז פון השי"ת!

מען עסט לכבוד די אמונה, מען איז זיך מתענג לכבוד די אמונה, אלעס לכבוד די אמונה, דאס איז א טאג וואס מען דארף נכלל ווערן

אין דער אמונה - דאס איז א מנוח! אט דאס איז א געשמאקער מנוח!

דאס איז: **"ה' לי לא אירא! ה' לי לא אירא! איך האב דיך! ה' לי לא אירא! גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע, כי אתה עמדי!"** - פון אמונה!

דער 'יונה מצאה בו מנוח' גייט דאך ארויף אויף דער יונה פון דער תיבה. אלע צדיקים (זאגן דאך) - דער הייליגע'ר רבי דערמאנט דאס אויך אין 'צוהר תעשה לתיבה'[כו] - אז דאס גייט אויף די תיבות התפילה. עס טייטשן דאס אויס אלע צדיקים: אז 'די תיבה' – זו תפילה[כז]; דער תיבת נח וואו אריינצולויפן פון די מים הזידונים, איז צו נכלל ווערן אין דיבורי קודש, נכלל ווערן אין דיבורי קודש פון תורה און דיבורי קודש פון תפילה - דאס איז תיבת נח "היינט".

מיר זאלן ניצול ווערן פון מים הזידונים, ברוחניות ובגשמיות, (דארף מען) **לעבן מיט חיות וואס מען נעמט פון די הייליגע דיבורים, דאס איז דער אמת, און דאס וועט בלייבן, און דאס איז נצחיות!**

דער קאזניצער מגיד זאגט טאקע[כח]: אז דער גובה התיבה איז געווען ל' אמה - דאס איז דער למ"ד. און דריי הונדערט - אויבן די לענג, דאס איז דער שי"ן, שי"ן למ"ד פון 'לשון'. און די חמישים אמה רחבה - דאס איז דער נו"ן פון 'לשון'; איז טאקע 'לשו"ן!' דעם 'דיבור'!

עס איז מיר איינגעפאלן - ער טייטשט נישט אויס דעם וא"ו. אסאך מאל טייטשט מען עס נישט אויס, ווייל דער וא"ו דערקענט מען נישט, ס'איז נאר אן אות תנועה, (אינו מגוף התיבה). אבער קען טאקע

---

**כו.** ליקוטי מוהר"ן קי"ב.

**כז.** עי' בספר בעש"ט הקדוש, פר' נח, בעמוד התפילה באריכות.

**כח.** עבודת ישראל פר' נח, בד"ה "איתא בזוה"ק", עיי"ש.

זיין, אז: 'ואל אמה תכלנה מלמעלה' - 'אמה' איז דאך 'בת ששה טפחים', אט דאס איז דער וא"ו, דאס איז טאקע דער "לשון" פון תיבת נח.

'תיבת נח' - מען דארף נכלל ווערן אין תיבת נח, און דאס גייט צוזאמען מיט אמונה, דעמאלט איז ממש 'כי אתה ה' מחסי' (תהילים צא, ט)!

## נתרוממ ווערן פון א גוטן מעריב

מיר האבן דערמאנט פריער: 'ער באגעגנט זיך מיט א מנחה' - מען דארף וויסן, אז די ג' תפילות, דאס איז 'דברים העומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלין' (עי' גמ' ברכות ו:); (דער פסוק: "כרום זולת" וכו') גייט אויף די ג' תפילות, די ג' תפילות איז די עבודה פון בית המקדש!

מען דארף וויסן אז בשעת'ן דאוונען: **קאכט זיך תיקונים כבזמן הבית! אין די תיקונים פון די תפילות וואס אידן דאווענען!**, דאס איז זייער א הויכע זאך, וואס די גמרא זאגט אז 'כרום זולת לבני אדם' - אלו דברים שעומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלין בהם - אז דאס גייט אויף די דריי תפילות שביום.

דער אר"י הקדוש זאגט: אז יעדע תפילה מאכט אזעלכע תיקונים אין די בריאה, וואס מיום הבריאה האט מען נישט געקענט מאכן אזעלכע תיקונים, און פון היינט און ווייטער וועט מען נישט קענען מאכן די תיקונים – וואס מען קען מאכן ביי די מעריב, און ביי די מנחה, און ביי די שחרית.

עס איז א שאד, פארוואס (זאל מען) נישט דאס מנצל זיין, און נישט נכלל ווערן אין די תיקונים?! יעדער רגע ווערט נשתנה הכוכבים והמזלות, עס איז אן אנדערן אופן, בכל רגע אנדערש, מיר זעהען נישט, **אבער יעדער רגע איז אנדערש וואס מעולם איז דאס נישט**

**געוועזן און וועט שוין בעולם נישט זיין!** אזוי זאגט רבי חיים וויטאל בפירוש און רבי נתן ברענגט דאס אראפ אין ליקוטי הלכות[כט].

עס איז דא אין די עולמות העליונים אזא מין - יעדער רגע איז אן אנדערע בריאה. רבי נתן נוצט עס, אז מען קען זיך מחדש זיין, זיך באנייען יעדער רגע: עס קומט א מנחה, עס קומט א מעריב, לאמיר מנצל זיין דעם מנחה, דעם מעריב, דעם שחרית ווי ס'דארף צו זיין - און אמאל טרעפט מען אזא זאך - אן ענין וואס מען קען דערהערן, אן ענין פון אלקות וואס מען קען נתרומם ווערן בלי גבול

---

כט. עי' בליקוטי הלכות, הלכות בשר בחלב הלכה ד, אות א', וזה לשון קדשו:

**"ואף על פי שכבר היה כן אלפים ורובי רבבות פעמים שרצה להתחדש ולהתחיל להתקרב להשי"ת ולא עלתה בידו ואפילו אם נפל בכל פעם למה שנפל, רח"ל, אף על פי כן אל יסתכל על זה כלל, וישכח כל זה, כי זה היום והשעה שהוא עומד בו עתה עדיין לא היה בעולם ומי יודע מה יכול לזכות עדיין באותו היום ובאותה השעה, כי השי"ת מחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית, ואין יום דומה לחברו, ואין שעה דומה לחברתה. וכמובא בכתבי האר"י באריכות מזה גודל השינויים לאין מספר, הנעשים בכל יום ויום ואפילו בכל שעה ושעה, עיין שם בעץ חיים בתחילתו (בהיכל אדם קדמון שער א, ענף ה) מה שנאמר שם: ואין שעה דומה לשעה זו, ומי שמסתכל בענין הילוך המזלות וכוכבים ושינוי מצבן ומעמדן ואיך ברגע אחד הם באופן אחר והנולד בו יקרה מאורעות שונות מהנולד ברגע שקדם לזה, ומזה יסתכל ויבין בעולמות העליונים שאין להם קץ ומספר, ואם תפקח עיני שכלך ותשכיל דבר, כי אין שכל בלב אדם לעמוד על כל פרטים... ולך וראה מה שכתוב בספר התיקונים (תיקון כא, שס"ה במ"ש): קם רבי שמעון ואמר: סבא סבא וכו' ובלבושין דאיהו לביש בצפרא, לא לביש ברמשא ולבושא דלביש ביומא דא, לא לביש ביומא תנינא. ובזה תבין איך משתנה מעמד ומצב העולמות שהם הלבושין של האין סוף ברוך הוא ושינויין בכל עת ורגע. (עד כאן לשון העץ חיים). וכל אלו השינויים לאין קץ של כל העולמות, הכל בשביל לקרב ולהמשיך את כל בני עולם בכל עת אליו יתברך, שזה עיקר התכלית ובשביל זה האציל וברא ויצר ועשה הוא יתברך את כל העולמות מראש ועד סוף, הכל בשביל האדם השפל הזה, כדי שיכיר אותו יתברך בזה העולם"**, עכ"ל שם. ועייעו"ש דבריו הנפלאים.

- פון א גוטע מנחה פון א גוטן מעריב – מען דארף עס נאר זעהן, **זעה, הייב אן קונה זיין!**

## זיך דערהאלטן נאר דורך 'ישוב הדעת'

מען זעהט טאקע ביי נח דער (ענין פון) ישוב הדעת. דער חיד"א ברענגט אראפ א זוהר חדש[ל]: "ונח מצא חן בעיני ה'". זאגט ער: ווייל ער איז געווען נוח בהלוכו, נוח בדיבורו, נוח במעשיו, דערפאר איז מצא חן בעיני ה'! פירט ער אויס: "**כל רוגזא מסיטרא אחרא, וכל נייחא מסיטרא דקדושה!**".

עס קען זיין, אז טאקע מיט דעם וואס ער איז געווען א שומר הברית אין א דור פון 'השחית כל בשר את דרכו', - עס שטייט אין ברית מנוחה[לא]: אז זיי (דור המבול) האבן געהאט סברות אויף חטאים, ממש סברות אויף חטאים - און נח מיט ישוב הדעת (נשאר על מקומו). מיט איין בלבול הדעת פאלט ער אריין אין זייער טעות, מיט איין בלבול הדעת - **נאר דער ישוב הדעת האט אים אנגעהאלטן!**[לב] אנגעהאלטן זיין תמימות: איך האב מקבל געווען ביז אדם הראשון אז דער רצון ה' איז, אז מען זאל זיין א שומר

---

**ל.** עי' נחל קדומים (בראשית ו, ח) שמביאו בשם החרדים. וז"ל החרדים בפרק ט', אות מב: "אמרו במדרש הנעלם (זוהר חדש דף כז.), שנרמז בתורה "ונח מצא חן בעיני ה'", **כלומר על ידי שהיה לבו תמיד נח ומיושב מצא חן בעיני' ה', דכל נייחא מסטרא דקדושה וכל רוגזא מסטרא דמסאבא, וכתיב בתריה אלה תולדות נח וכו' שלש פעמים נח, שמתוך שלבו נח ומיושב מאד, יהיה נח בדבורו, נח בהילוכו, נח במעשיו.** ואע"פ שאין המקראות יוצאין מידי פשוטן, דרך רמז נאמר בהם למשה בסיני כל אלו הדברים, (ענף מצוה)".

**לא.** עי' בהקדמת ספרו.

**לב.** עי' בספר חרדים פרק סו, לב, וזל"ש: "**כתיב את האלקים התהלך נח, היינו שהיה מתבודד עם יוצרו ואין לו חברה עם בני אדם. אי נמי, מרוב הרגלו בהתבודדות אף כשהיה בתוך בני אדם לא היו מטרידים דעתו כי היו כלא היו בעיניו!**"

הברית און אז דער אויבערשטער איז א שונא זימה - דאס האט ער מקבל געווען.

מיט איין טירוף הדעת האט ער שוין סברות אויף היתרים - ישוב הדעת! א מענטש, מיט ישוב הדעת איז ער שטארק, ער איז מצליח, ער איז שטארק, טירוף הדעת איז אָן הצלחה, ח"ו.

## מילך אנשטאט וואסער

איך האב אמאל געזאגט א שיין זאך - עס איז א פלא אז דער טשעהרינער רב ברענגט עס נישט אראפ: עס שטייט (שופטים ה, כה): "מים שאל חלב נתנה", עס שטייט ביי סיסרא. ער האט געבעטן מים, האט זי אים געגעבן חלב. אז ער האט איר געבעטן מים, פארוואס האט זי אים געבעבן חלב?. זאגט רש"י - און אויך דער תרגום זאגט: אז זי האט געוואלט בוחן זיין 'אם יבחין בין מים לחלב' - צו ער האט דעם ישוב הדעת צו נישט.

דער רבי זאגט אין ספר המידות (ח"ב, אות ח'): **'אז דער בלבול הדעת - על ידו ממשלתו נופלת'**. ער (סיסרא) איז געווען א גיבור 'מעין דוגמא של מעלה', ער איז געווען א שרעקליכער גיבור. דאכט זיך מיך, אז אין דער וועלט איז נישט געווען אזא גיבור. ער פלעגט קומען אין א וואלד פון חיות רעות וטורפות, ער האט געגעבן א געשריי, זיי האבן נישט געוואוסט וואס צו טוהן פאר פחד פאר אים, ער האט מפיל געווען חומות בקולו, ס'איז געווען א 'דוגמא של מעלה' זיין גבורה[לג].

- אן אשה דארף הרג'ענען אזא גיבור, ס'איז דאך א שרעק. זי האט אבער געוואוסט בקבלה, אויב ער וועט נישט מבחין זיין בין מים לחלב, איז ער מבולבל, און איך וועל אים מנצח זיין!

---

**לג.** עי' ילקוט שמעוני שופטים ד, מג.

'ישוב הדעת' איז א חלק פון הצלחה קעגן דעם בעל דבר, און דאס קויפט מען איין דורך אמונה, דורך הייליגע דיבורים, וואס דאן איז מען אויפן ריכטיגן מקום, און פון דארט נעמט מען ישוב הדעת וויאזוי זיך צו פירן אין אלע ענינים.

דערפאר דארף מען זיין א מתמיד, און אריין כאפן דיבורים, דיבורים - דא איז דער פלאץ! **וואו מען קען נאר נעמען הייליגע דיבורים, דיבורי תורה ודיבורי תפילה, יעדע איבריגע מינוט - דא איז דער פלאץ!** פון דארט נעמט מען ערשט א רשימה ווי זיך צו פירן על פי דעת דקדושה און צו לעבן אויף דער וועלט ווי א בן אדם.

נאך א ראיה האב איך געבראכט אויף דער מידה אז "על-ידי בלבול הדעת ממשלתו נופלת". בשעת דוד המלך איז געגאנגען אין (מלחמה מיט) גלית הפלשתי. איז געגאנגען דער גָלְיַת הפלשתי און האט אים געזאגט - ער איז געווען פארפאנצערט, ער איז געווען א גיבור עולמי - און דוד המלך איז ארויפגעגאנגען מיט שטיינדעלעך, מיט א שטעקן...

האט גָלית געזאגט: איך שנייד דיר אפ דעם קאפ, איך וועל באלד מאכן "וְאֶתְּנָה אֶת בְּשָׂרְךָ לְעוֹף הַשָּׁמַיִם וּלְבֶהֱמַת הַשָּׂדֶה" (שמואל-א יז, מד). זאגט רש"י: האט דוד געזאגט: א בהמה עסט נישט קיין בשר אדם - "נטרפה דעתו" דער איז שוין נישט מיושב - ער איז מיינער, ערלעדיגט. איז מיין ראיה אז מען קען עס צושטעלן צו דעם ספר המידות (הנ"ל).

דארף מען קויפן ישוב הדעת! **ישוב הדעת!** ס'איז גוט ברוחניות, ס'איז גוט בגשמיות.

א מענטש קען זעהן - רוב טעותו וואס ער האט געהאט אין רוחניות און אין גשמיות - אין מדריגות ווי ער איז פארפלאנטערט געווארן, איז אלץ פון אָן ישוב הדעת, און איך וויל מען זאל עס מודה זיין!

## נישט אויפגעבן!

עס שטייט פון בעש"ט הקדוש[לד]: אז ווען מען זעצט זיך לערנען און עס גייט אים נישט, ער פארשטייט נישט, איז א סימן אז ס'איז שורה אויף אים דינים; אבער אז ער הייבט אן צו זאגן נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל, בדיבור, ביז ער הייבט שוין אן צו פארשטיין - זאגט דער בעל שם הקדוש - האט ער בפועל ממש ממתיק געווען די דינים פון אים, שוין.

דאס עצם 'זאגן' - דער 'דיבור' - מען דערהערט וואס דער דיבור זאגט, מען פארשטייט וואס דער דיבור זאגט, דאס ברענגט יושב הדעת, וכל שכן די תורה הקדושה, דאס איז אונזער מקום - די תורה פונעם אויבערשטן!

די זעלבע זאך איז ביי תהלים. ביי תהלים - מען זאגט און מען זאגט ביז עס עפנט זיך דאס הארץ, ביז מען דערלעבט זיך אויסצורעדן דאס הארץ צום אויבערשטן. מען זאגט איין ווארט, איינמאל און נאכאמאל, ביז מען דערהערט, ביז ס'רעדט זיך. און אמאל איז א גוטע עצה אז מען זאגט ליקוטי תפילות ביז מען ווערט נתעורר צו רעדן[לה].

---

**לד.** עי' בספה"ק "בן פורת יוסף" על פרשת וישב: "שמעתי מפי מורי זלה"ה ע"ה: "**והוא דרך טוב לאיש ישראלי לימי הקטנות, שלא יבטל התמיד מעסק לימודו ועבודת ה' גם שאין חושק, דמ"מ עשה מעשה, שהדיבור נקרא מעשה (עי' שבת קיט:), ולכך גם שהי' בלי כוונה יצא**, וכמ"ש הרמב"ם הנ"ל", עכ"ל, ועיי"ש עוד. וכן מובא זה, שם, בדרשות שבת הגדול תקכ"ז, עיי"ש. גם עי' בספה"ק "תולדות יעקב יוסף" במדבר, אות א: "ונודע כי המחשבה הנקרא אַיִן, **כשמקשר המעשה שהיא השכינה הנקרא אני עם המחשבה הנקרא אין, אזי מבטל כל גזירות קשות ורעות ...כמו ששמעתי ממורי כשלומד ואינו מבין הוא מלכות, ואחר כך כשמבין אז מקשר מלכות עם בינה ודפח"ח**".

**לה.** עיין באוסף אמרים (חנוכה מאמר י"ג) וז"ל: ורבינו לימד אותנו בכללות את סוד גדולת הדיבור, ושכל הישועות טמונות בדיבור, ושעיקר כלי השפע הוא הדיבור

**מחיה מתים במאמרו**

און אזוי איז אויך מיט דאס דאווענען. איך האב שוין אמאל געזאגט, מן הסתם געדענקט איר דאס, איך האב עס געהערט פון רבי לוי יצחק [בענדער זצוק"ל] כמה פעמים: אז רבי נתן איז אמאל געווען אונטערוועגנס - אונטערוועגנס איז געווען זייער שווער.

דער רבי ר' זושא האט דאך געזאגט[לו]: "ער קען אפגעבן דין וחשבון אויף אלע זיינע יארן, נאר אויף א יום הנסיעה נישט!" די טירדות מיט די בעל-עגלות, מיט די פאנטשערס, מיט די עיכובי הדרכים, מיט די סיכסוכים, מיט די געלט זאכן, וואס האט זיך אפגעטוהן... א יום הנסיעה איז א שרעקליכער טירוף הדעת. איז טאקע האט רבי ר' זושא געזאגט: "ער קען אפגעבן דין וחשבון על כל ימיו ושניו, נאר אויף א יום הנסיעה נישט".

עס איז געווען אינמיטן א נסיעה, האט דער טשעהרינער רב געזאגט: רבי נתן האט זיך מתעטף געווען טלית און תפילין און אנגעהויבן צו דאווענען און עס איז נישט געגאנגען. האט ער געזעהן עס גייט אים נישט, האט ער געזאגט, און געזאגט, ווארט ביי ווארט, ווארט ביי ווארט. עס איז געקומען צו פסוקי דזמרה, **האט זיך אים געעפנט א הארץ, ער האט אוועקגעלייגט א דאווענען, עס איז געווען הפלא ופלא!!!**[לז]

---

וכל כוח הממשלה של ישראל "ישראל ממשלותיו" הוא על ידי הדיבור, (עיין תורה ל"ד בגודל מעלותיו של הדיבור).

**ובתקוני זוהר על הפסוק "הבל הבלים" אמר קהלת הבל הבלים "הכל הבל", - הכל תלוי בדיבור! הבל היוצא מן הדיבור.**

הקב"ה מנהיג את העולם כפי הדיבורים שלנו, אם שומרים את הדיבור ואין מדברים דברים בטלים ואסורים ח"ו, ומדברים רק דיבורי קדושה ושמחה, דברי חיזוק לזולת – בהם תלוי הכל – הכל הבל! הכל תלוי בהבל פי האדם.

**לו.** עי' שיח שרפי קודש (ברסלב) ח"ב, אות קפ"ב.

**לז.** עי' שיח שרפי קודש (ברסלב) ח"ב, קצ"א-קצ"ג.

אונזער'ע לייט פלעגן זאגן: "מען זעט רבי נתן'ס דאוונען איז 'מחיה מתים במאמרו!" - אזא חיות האט מען געזעהן ביי זיין דאווענען! אַהּ, וואס מען האט געשפירט פון זיין דאווענען...!

עס איז טאקע דא א ווארט[לח]: "**שִׂמְחָה לָאִישׁ בְּמַעֲנֵה פִיו**" (משלי טו, כג). דער פשוט'ער פשט איז: אז מען פרעגט א מענטש א זאך און ער ווייסט וואס צו ענטפערן איז דאס שמחה לאיש. **אבער עס איז דא א ווארט: "שמחה לאיש במענה פיו" – אז מען פייניגט דאס מויל!** אוודאי, מען דארף וויסן, מען דארף עס אמאל נוצן, און אמאל דארף מען עס מער נוצן.

## ב"ך השם חסיתי

אבער לויט וואס דער הייליגער רבי האט מגלה געווען, אזויפיל דברים נפלאים אין דעם ענין פון דיבור. דער רבי האט טאקע מגלה געווען דער תורה י"ט[לט] - דער רבי רעדט דארטן פון לשון קודש מיט שמירת הברית ווי ס'איז מקושר.

---

**לח.** עי' שיח שרפי קודש (פשיסחא), ערך דיבור, אות ה: "בשם הרה"ק ה"ר לייבוש מאפעלי זי"ע על הפסוק משלי שמחה לאיש במענה פיו, הנה כל העבדות להשם יתברך צריך להיות בשמחה, אך אם האדם הולך בדרכי השי"ת בתעניות וסיגופים ושאר יסורין לא עלינו לא יוכל להיות השמחה בשלימות כי קשה לגוף, אבל האיש המענה את פיו הער פייניגט דאס מויל, מלדבר דברים האסורים, ורק בדברי תורה, יוכל להיות תמיד בשמחה, כי גופו הוא חזק ובריא לעבודת הבורא יתברך, והוא נתענה רק בפיו, והבן". וכעין זה מובא בספה"ק נועם אלימלך בליקוטי שושנה.

**לט.** וזל"ש, ע"פ ליקוטי עצות, ערך ברית, אות י"א: **"עיקר הכנעת ושבירת כל התאוות בפרט תאות ניאוף, שזה העיקר שצריך לשבר, העיקר הוא על ידי שלמות לשון הקודש. דהיינו על ידי ריבוי הדיבורים קדושים שהם תורה ותפלה ושיחה בינו לבין קונו. ואף על פי שמשיח ומדבר בינו לבין קונו בלשון אשכנז שמדברים בו במדינתנו, הוא גם כן בכלל לשון הקודש, כי אדרבא, בינו לבין קונו צריך דווקא לדבר בלשון שמדברים בו** (כמבואר בהתבודדות אות י"ג). רק העיקר שישמור את

אונזערע לייט פלעגן אסאך רעדן וועגן דעם. אויסער דעם, האט ער געדעט אזויפיל ענינים פון דעם דיבור. דארף מען וויסן אז דער דיבור איז א 'נועם', דער דיבור איז אונזער פלאץ, דער דיבור איז אונזער מקום; ווען מען האט א איבריגער רגע - אריינלויפן אין א - - אפלערנען א משנה משניות, אפזאגן א קאפיטל תהלים, רעדן צום אויבערשטן!

אן איבריגער רגע? זיי דבוק! דא איז דער פלאץ! דא איז דער פלאץ וואס מען איז שואב ישוב הדעת, מען איז שואב אמונה, מען איז שואב צו זיין א בן אדם - דא! מיר האבן א תורה, מיר האבן א תורה מיר האבן אותיות.

עס שטייט (תהלים לא, ב): "בך ה' חסיתי" - בכ"ב אותיות שבך[מ]. מיט דעם רירן מיר זיך אן מיטן אויבערשטן כביכול, דאס איז טאקע דער ענין פון 'זקני תלמידי חכמים דעתן מתיישבת'[מא] - פארוואס? ווייל ס'איז תלמידי חכמים! אז זיי זענען דבוק אין די תורה, זענען זיי דארטן, זיי האבן ישוב הדעת![מב]

די תורה איז אמונה, די תורה איז אלקות! דער דעת תורה און דער דעת פון "שפכי כמים לבך" פון תפילה, דאס איז דער אויבערשטער כביכול! מיט דעם קויפן מיר זיך איין אז מיר זענען

---

הלשון לקדש אותו בדיבורים קדושים שזה בחינת שלמות לשון הקודש. ולשמור את הלשון שלא לדבר דיבורים רעים, שהם פוגמין את הלשון קודש. ועל ידי קדושת הדיבור, כנזכר לעיל מכניעין רע הכולל, כנזכר לעיל".

**מ.** עי' מדרש תהלים ז'.

**מא.** משניות קנים פ"ג, מ"ו.

**מב.** עיין באוסף מכתבים (חלק א' מכתב כ"ז) וז"ל: שמעתי פעם מר' שמואל שפירא שמובא בשבחי ר' חיים ויטאל, שחלם שהיה שמחת תורה, ובתוך השמחה נכנס משה רבינו, ונעשה שמחה גדולה ולקחו את משה רבינו והניחו אותו על הבימה, וקראו בו את התורה, והגדיל לי בזה שהצדיק הוא התורה.

אויף אונזער מקום, מיט דעם קען מען טוהן וואס מען טוט, מיט דעם רשימה וואס מיר נעמען פון דעם ישוב הדעת פון אט די הייליגע דיבורים.

דער פלאץ ביי אונז, איז דער זאך וואס ביי ברסלב'ע חסידים איז: הייליגע דיבורים! אין תורה און אין תפילה! דאס האט מען געזעהן אמאל אפען.

**זעה ווי אזוי זיי מאכן א מקוה...**

ער האט מיר אמאל דערציילט - ר' אלחנן[מג] (ספעקטור זצ"ל): אז דער ערשטער מנין אין פוילן איז געווען אנשים פשוטים, נאכדעם איז צוגעקומען גרעסערע מענטשן. ווען ער איז געווארן מקורב - ער איז געווען א מיוחס, און א גרויסער למדן - האט ער געהאט א וויכוח מיט איינעם אמאל.

- האט ר' אלחנן אים געזאגט איין זאך - ווייל דאס איז געווען: איך גיב דיר א דוגמא - זעה ווי זיי מאכן א מקוה! זעה ווי זיי מאכן א מקוה! זעהסט ער איז פארנומען, זעהסט ער ער גייט אריין און גייט ארויס, ווייל מען דארף זיך טובל'ן - מען טוט לענין, גיב א קוק! גיב א קוק!

דער זריזות און דער מילוי הזמן בתורה ותפילה, דאס האט בולט געווען אז ער איז א ברסלב'ער חסיד!

---

**מג.** מגדולי וחשובי חסידי ברסלב מדור הקודם, היה גאון עצום ומופלא בנגלה ונסתר ועניו נפלא, ובנש"ק מנכדי הקדושת לוי והרבי מלובלין ועוד ולמעב"ק. לפני התקרבותו שימש ברבנות בכמה עיירות בפולין, ואחר כך כראש ישיבת ברסלב בוורשא 'תורת אמת ואמונה', עד עלותו ארצה שנת תרצ"ו, החזו"א זצ"ל מסר לו את ספריו להגהה ולכתיבת מראה מקומות בטרם הובאו לדפוס. מכתביו וחלק מחידושיו נלקטו בספר 'גנזי אבא'. נלב"ע בירושלים עיה"ק כ"ב טבת תשמ"ג.

ווייל א חוץ וואס מען דארף זיך פירן ווי אלע אידן, מען דארף מעביר סדרה זיין, מען דארף לערנען גמרא, מען דארף לערנען שולחן ערוך, דארף מען האבן התבודדות, מען דארף זאגן תהלים, מען דארף זאגן דעם רבינ'ס ספרים, **ס'איז נישט דא קיין צייט!, ס'איז נישט דא קיין צייט!**, און אז מ'נוצט אויס די צייט האט מען א ברכה אין די צייט אויך, בעזר השי"ת.

נישט אומזינסט זאגט דער ערבי נחל[מד]: **"אז א מענטש וויל וויסן וואס ס'איז מיט זיין עולם הבא, זאל ער זעהן וואס ס'איז מיט זיין דיבור"!** ווי פארברענגט ער מיט דעם דיבור, צו היט מען דעם דיבור? פילט מען אן דעם טאג מיט גוטע דיבורים? - אזוי וועט אויסקוקן דיין עולם הבא!

שוין, דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן, מ'האפט טאקע ס'זאל זיין, דער אויבערשטער זאל אונז משמח זיין, ויתן לך אלקים - ער זאל אונז געבן הארתו, דער אויבערשטער זאל אונז דאס געבן - 'אים אליין' זאל ער אונז געבן, דאס איז די גרעסטע מתנה, און דאס קויפט מען איין מיט הייליגע דיבורים.

דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן, אזוי ווי מיר האבן געזאגט פריער, אז עס זאל טאקע זיין א גוטע הקדמה, אויף דעם ווינטער און אויף כל ימינו ושנתינו!

---

מד. עי' פר' האזינו: **"וא"כ מי שחפץ להבין בעצמו אם בן עולם הבא הוא, יבין כשיחקור באיזה דיבורים הוציא כל ימיו כי זה הוא העיקר"**. וכעי"ז כותב גם בפר' בראשית.

# "יאמץ לבך"

והיתה עיקר השיחה (של הרה"צ שליט"א בבני ברק) שעלינו לדעת שגם אנו במדרגתנו הפחותה אסור לנו להנתק מהאמת, ולדעת תמיד "כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו" (דברים ו' לה), ואף אם אנו ח"ו בשבי תחת יד הסטרא אחרא, אין לנו להכנע, כי אם לדעת כי אין רשות אחרת, ו"מקצה הארץ אליך אקרא" (תהלים ס"א, ג') – **ואפילו אם כבר נכשל באלף ראיות אסורות ח"ו, מצווה הוא מה' אלקי ישראל לעצום עיניו נגד איסור ערוה האלף ואחת...** ומכיון שאנו מצוים על כך – אנו עושים על ידי זה נחת רוח למעלה, ועוד ממליכים אותו משאול תחתיות.

ומובא מהרב מטשעהרין זצ"ל בשם אחד מתלמידי הבעש"ט הק' זי"ע (ספה"ק תשואות חן פ' שלח עה"פ ועתה יגדל נא), שאם אחד מונח ח"ו בשאול תחתיות וממליך שם את הקדוש ברוך הוא – שובר את הרע במקומות כאלו **שאפילו לצדיק גדול אי אפשר לו לעשות נחת רוח כזה**, כי הלא לא היה רשאי ליכנס שם, והוא מכיון שכבר נכשל ונפל לשם וממליך את השי"ת מבטן שאול – עושה נחת רוח כזה שאי אפשר להיעשות כי אם על ידו.

(ספר אוסף מכתבים – חלק ב' מכתב קיב)